NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04200

IN KARAHOD

L. Mates

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ל. מאטעס

אין קאראהאָד

(קינדער לידער)

אילוסטראציעס פון טאדרעס געלער

פארלאג „פאלמע“
לאס אנדזשעלעס, קאליפארניע
1929

ביכער פון ל. מאטעס

אָפענע טויערן
מאָמענטן
דער ווייסער פּרינץ פון דער ווייסער פלאַג
א אידישע טראַגעדיע
סטודיאָ
אין קאַראַהאַר

Copyright 1929, by Mattes Lune

אין דער איצטיקער אויפלאגע, א. נ. „אין קאראהאָד", גייען אריין קימאַט אלע (און א טייל באארבעטע) לידער פון דעם אָפּטייל „עסטער בולבע, מאַט־קע נאָז" פון בוך „אָפענע טויערן", אלע לידער פון דעם אָפּטייל „קומט, קינ־דער" פון בוך „סטודיאָ", און א צאָל נייע לידער, וואָס ווערן ערשט געדרוקט צום ערשטן מאָל.

פאַסיפישע קאָ־אָפּעראַטיווע פּרעס

הערט, קינדער



עסטער בולבע

עסטער בולבע,
בול בול בול!
ליפּן — לאַטעס,
באַקן פול.
אַ נאָז — אַ פּלאָדל.
אייגלאַך קרום.
און פּיס — די גרעב
פון אַ פּיאַנע שטול.
עסטער בולבע,
בול בול בול!

מאָטקע נאָז

מאָטקע נאָז,
בערי באָז!
דאָר ווי אַ שטעקן,
גרין ווי אַ גראָז.
אויגן — גלאָצערס
(אָט קוקט אים אָן)
שפּרינגט ווי אַ האָז
און קרייט ווי אַ האָן.
מאָטקע נאָז,
בערי באָז!

הינטעלאַך אַכט

פלאַטערלאַך, פלאַטערלאַך
פליגלען אין ווינט,
וויגן זיך אַף גראָז און אַף בלומען.
גענומען האָט די מאַמע מיינע הינטעלאַך, הינט
און זיי אַרויסגעשטעלט אין גראָז זיך צו שפּילן מיטן ווינט.
איז אַ הינטעלע קליין —
נאָך אָן האָר גאָר,
אָן ציין —
ווי מיין שוועסטערקע אין וויג זיך פאַרגאַנגען אין געוויין.
זיך פאַרשוויצט און פאַרקילט,
און געפיבערט אַ נאַכט.
און פון די הינטעלאַך ניין
זיינען געבליבן הינטעלאַך אַכט.

פלאַטערלאַך, פלאַטערלאַך
ציטערן אין ווינט,
ציטערן אַף גראָז און אַף בלומען.
גענומען האָב איך אַ פאַרנאַכט מיינע הינטעלאַך, הינט
און זיי אַריינגעשטעלט אין שטאַל צו באַהאַלטן פון ווינט.
האָט אַ הינטעלע קליין —
שוין אַ הינטעלע מיט ציין —

געגעבן אַ קליין ביל זיך אַזוי אין דער שטיל.
האָט די מאַמע דערהערט און אַריין גלייך אין שטאַל.
זיך געגעבן אַ פאַרטשעפּ און געטאָן אַ פאַל,
זיך אויפגעהויבן
און דערזען:
אַ טעצל פון מילך און אַ ביין פון פלייש.
אַ קאָלדרע פון בעט,
אויך מיין שאַל און פאַלטאָ.
האָט זי געבראַכט גלייך דעם טאַטן
און געצאָרנט מיט קאַס:
„איצט זעסטו שוין, וואָס עס טוט זיך דאָ?!"

פלאַטערלאַך, פלאַטערלאַך
ניטאָ מער אין ווינט,
ניטאָ מער אַף גראָז און אַף בלומען.
פרעג איך דער מאַמען:
„וואו זיינען מיינע הינטעלאַך, הינט?"
ענטפערט די מאַמע:
„זיי זיינען אַוועק מיטן ווינט.
סהאָט זיי דער ווינט צוגענומען..."

און געהערט האָב איך אַ וואָיען אין ווינט.
געוויינט האָבן געוויינט מיינע הינטעלאַך, הינט.
בין איך געזעסן אין בעט,
געוואַרט אַ גאַנצע נאַכט.
און די מאַמע האָט אַ דאָקטער געבראַכט.
האָט דער דאָקטער מיר געגעבן צו טרינקען
פון פלעשלאַך פיל,
פון פלעשלאַך אַסאַך.

איצט האָב איך אַ לייב און אַ קעמל,
אַן אָקס און אַ בער
און אויך נייע הינטעלאַך אַכט,
וואָס דער דאָקטער אַליין האָט אין זיין רענצל געבראַכט.
און אַלץ, וואָס איך וויל.

אַ שפּיצל

בענצי בוכטשעט בעגגן אין פּליִיצע —
„טאַם-טאַראַראַם!"
און רופט עס באַראַבאַן.
איז בעני ניט קיין נאַר,
נעמט ער און טוט אָפּ בענצין אַ שפּיצל דערפאַר,
ער גיט זיך אַ קער
און זאָגט:
„בענצי, איך בין אַ בער.
קום, בענצי, רייטן."
זעצט זיך בענצי אָפן בער.
און סטוט בעני זיך אַ הויב,
אַ הויב און אַ קער,
און בענצי,
פּיס אַרויף,
בוכטש
בוכטש
אָף דער ערד!
לאַכט בעני און זאָגט:
„דאָ האָסטו אַ באַראַבאַן
און זיי ניט קיין פערד."

יע פייוול און ניט פייוול

אַלע ווייסן ווי איך הייס.
און קיינער ווייס ניט מיין נאָמען.
זיי רופן מיך פייוול, און פייוול בין איך.
פייוול בין איך, און פייוול איז ניט איך.
איך בין איך און ניט איך.
טאַקע איך!
און ניט איך.

און אַלע ווייסן מיינע רויט-געקרויזטע האָר.
און אָט זיינען זיי ניט רויט און ניט געקרויזט.
נאָר אַ קאַלטן, מזאָל עס ניט זען.
אַ קאַלטן פאַרוואָר.
זיינען עס דאָך ניט מיינע האָר!
און אָט —
צעקאַמט און אוים קאַלטן.
רויט פאַרוואָר.
זיינען עס דאָך יע מיינע האָר!
און שוין —
שוואַרץ-רויט און רויט-שוואַרץ.
זיינען עס יע מיינע האָר און ניט מיינע האָר.
און אַלע ווייסן מיינע רויט-געקרויזטע האָר.

און אַלע ווייסן,
אַז אָט, אַ, ערשט בין איך געגאַנגען
אין אַ ניי, ריין גאַרניטערל.
און שוין גיי איך אין זיבן ריסן.

ערשט אַרוים פון די זיבן ריסן
און אַריין אין זיבן לאַטעס.
און שוין אַרוים פון די זיבן לאַטעס
און ווידער אין זיבן ריסן.
און אַט —
וואו לאַטעס? ווען ריסן?
אָפּגעריסן און אָפּגעשליסן.
און אַלע, אַלע ווייסן,
אַז אַט, אָ, ערשט בין איך געגאַנגען
אין אַ ניי, ריין גאַרניטערל.

און אַלע, אַלע ווייסן,
אַז איך האָב אַ פּאָר שוואַרצע ברענענדע אויגן.
און זיי קענען זיך עס גאַרניט גלויבן.
אָט איז דאָס רעכטע אויג פאַרלאָפן
און דאָס לינקע קוים אָפן.
אָט איז דאָס לינקע אויג קוים אָפן
און דאָס רעכטע פאַרלאָפן.
און אָט זיינען ביידע פאַרלאָפן,
און ניטאָ מער קיין אויגן!
און אָט זיינען ביידע אָפן
און ביידע
בלוי און געל
און מיט אַ רויטקייט פאַרצויגן.
זיינען עס מיינע אויגן?
און זיי קענען זיך עס גאַרניט גלויבן.

און אַלע ווייסן ווי איך הייס.
און קיינער ווייס ניט מיין נאָמען.
זיי רופן מיך פּייוול און פּייוול בין איך.
פּייוול בין איך און פּייוול איז ניט איך.
איך בין איך און ניט איך.
טאַקע איך!
און ניט איך.

איר גלויבט ניט ?
נו, אָט הערט מיין מאַמען.

„פּייוול", זאָגט זי, „הייסטו,
נאָר פּייוול איז ניט דו, און דו ביזט ניט פּייוול.
אַ קינד ביזטו ?
איז וואו און ווען
האָט מען נאָך אַזאַ איינעם געזען ?
און פונוואַנען האָט זיך עס צו מיר גאָר גענומען ?
אַז פון אַלע טייוואָלים דער גרעסטער טייוול ביזטו.
און ניט פּייוול,
נאָר טייוול
איז דיין נאָמען."

אין געיעג נאָך אַ מויז

אַ גריבל אין שטיבל,
ניט קליין און ניט גרויס.
איז אין שטיבל,
פון גריבל
אַ מייזל אַרויס.
שטייט מאַטקע נאָז
קוקט אויפן מייזל,
קוקט און טראַכט:
מייזל איז אַרויס פון גריבל.
די טיר איז אָפן —
קען נאָך מייזל אַנטלויפן פון שטיבל.
האָט ער פאַמעלאַכקע די טיר צוגעמאַכט.
און אַליין,
ווי אַ קאַץ —
אַץ-באַץ!
מיט הענט אויסגעשטרעקט
נאָכן מייזל זיך געלאָזן.
אָפּ-לאָפּ!
זיך איבערגעקוליעט.
געפאַלן.
קאָפּ אָן וואַנט געטראָפן.
און סמייזל,
קאָפּ אַראָפּ,
פלינק אין גריבל איז אַנטלאָפן.

האָן באַראָן, דער רויטער האָן

פון דאַך אַף דאַך,
די פליגלען אויסגעצויגן,
איז האָן באַראָן, דער רויטער האָן,
קאָ־קאָ־קען־דיק,
געפלויגן.

נאָכגעיאָגט
און ניט געכאַפּט —
שטייט האָן באַראָן דער זיגער.
און אַרום הויז,
מיט שטיין און ביין,
שטייען קינדער,
אָנגעגורטע קריגער.

אַ וואָרט אַהין, אַ וואָרט אַהער.
אַלע טראַכטן.
קלערן.
און מאָטקע נאָז פּאַלט אַף אַ פּלאַן.
זאָגט :
„קינדער, ווילט איר הערן?“

„הערן, הערן — וואָס איז דער פּלאַן?
זיכער וויל מען הערן!“
און מאָטקע נאָז, נאָך מער פאַרטראַכט,
זאָגט:
„דאָך נאָך דאָך,
דאָך אַראָפּ,
לאָמיר די שטיבער איבערקערן.“

„די שטיבער איבערקערן?“
כאַ, כאַ, כאַ,
און כאַ, כאַ, כאַ!
לאַכן קינדער,
פאַרגייען זיך ביז טרערן.
און מאָטקע נאָז שטייט אַליין און טראַכט,
און קראַצט זיך אַליין דעם שטערן.

קומט עסטער בולבע אָן פון מאַרק
מיט זאַק און פּאַק און פּעקל.
און הערנדיק, וואָס דאָ קומט פאָר,
זאָגט זי:
„קינדער, קלאַפּט אַריין אַ פלעקל.“

אַ פלעקל אַריינגעקלאַפּט.
און זעקל אַרום פלעקל, און זאַק אַרום פּאַק,
אויסגעליידיקט מיט איין קנאַק —
דעם האָבער, ווייץ און קאָרן.
דערזען —
אַז האָן בּאַראָן, דער רויטער האָן,
איז מיט איין פלי פון דאָך אַראָפּגעפלויגן,
און גענומען פּיקן, פּיק, פּיק, פּיק,
ניט זעענדיק פאַר די אויגן:
אַז רונד אַרום —
ער אינמיטן —
שטייען קריגער

מיט שטיין און ביין,
און היטן.

פּיקט.
געפּיקט
און אויפגעפּיקט
דעם האָבער, ווייץ און קאָרן.
זיך אַ יאָג געטאָן און גלייך געכאַפּט
האָן באַראָן, דעם רויטן האָן,
פאַר די גאָלדענע שפּאָרן.

ליגט האָן באַראָן, דער רויטער האָן,
אַ געבונדענער
געפאַנגען.
און קינדער,
שטראַלנדיק אַרום,
פּייערן דעם זיג מיט פריידיקע געזאַנגען.

ערשט עסטער בולבע
צעווייגט זיך אַפן קאָל און פאַרגייט זיך אין געיאָמער,
וואָס האָן באַראָן, דער רויטער האָן,
פּיקט,
געפּיקט
און אויפגעפּיקט
האָט דעם האָבער, ווייץ און קאָרן,
און אַז מאַמע אין דער היים
וועט קייסענען
און צאָרן.

שטייען קינדער פאַרטראַכט,
פאַרזאָרגט.
קלערן:
וואָס טוט מען טאַקע איצטער?
און מאַטקע נאָז פאַלט אַף אַ נייעם פּלאַן

אַ צעהיצטער, אַ צעשוויצטער.

„לאָמיר נעמען,"
זאָגט מאַטקע נאָז,
„אַ —
אַ מעסער.
און האָן באַראָן, דעם רויטן האָן,
דעם גרויסן פרעסער,
עפּענען דעם האַלדז,
אַרויסנעמען דעם האָבער, ווייץ און קאָרן —
נאָכער,
ווי מאַמע,
דעם האַלדז צוריק פאַרנייען
און זיך אַלע זאָרג פאַרשפּאָרן."

„גוט!"
שרייען אוים די קינדער,
שטימען איין.
און מאַטקע נאָז טוט איבערן האַלדז אַ כיק:
„צוריק דעם האָבער, גיב צוריק,
צוריק דעם ווייץ און קאָרן!"

און האַלדז פאַרנייט,
נאָר האָן באַראָן, דער רויטער האָן,
ניט ער גייט,
און ניט ער קרייט,
האָן באַראָן, דער רויטער האָן,
אַ געקוילעטער,
ליגט
פאַרלאָרן...

אַן אומגליק

וואָשט די מאַמע וועש און הייננגט זיי אַף אַ שטריק.
וואָס איך אויבעט וועש
און קען די שטריק ניט גרייכן.
גיי איך,
נעם דעם לייטער,
שפּאַר אים אָן אַן שטריק.
איך הייננג מיין וועש
און הער:
ררר —.
אַ רים
און אַ פליק.
די וועש אַף דער ערד.
און איך אין די וועש.
אַ קנויל
און אַ גרויל.
די מאַמע, דער הונט, און די שכיינעס אַרום —
מוויקלט, מזוכט.
און איך ליג און איך שטום.
מוויקלט.
און מהאָט מיך געפונען.
פאַרברעכט די מאַמע מיט די הענט:
„אוי, אַן אומגליק מיר איז!
איר זעט? —
סהאָט זי דער טייוול ניט גענומען..."

ווינט, דער קייסן

דאָס וואַסער איז גלאַט, דאָס וואַסער איז קיל,
לאָזט עסטער בולבע אַפן וואַסער אין שפיל —
קאַטשקעלאַך פיר
און אַ מיל מיט אַ פליגל געמאַכט פון פּאַפּיר.

איז געקומען אַ ווינט,
דרייט זיך די מיל,
טאַנצט עסטער בולבע,
קוועלט אַן פון דער שפּיל.
און זי טרייבט די קאַטשקעלאַך,
טרייבט זיי פון ברעג,
און די קאַטשקעלאַך נאָכן ווינט,
מיטן ווינט זיינען אַוועק.

ערשט קריגט כאַראַטע עסטער בולבע,
ווײַל די קאַטשקעלאַך צוריק.
איז דער ווינט אָבער אַ קיסן,
פֿלעכט ער פֿון וואַסער אַ שטריק,
טוט אַ צי און אַ שלעפּ —
און ער האָט אויך די מיל.

זעט עסטער בולבע, אַז פֿאַרלאָרן איז די שפּיל.
זוכט זי אַהער, זוכט זי אַהין,
פֿאַרייסט דעם קאָפּ
און דאָ —
אַ וואָלקנדל דין,
פֿליט, פֿליט.

דערזען עסטער בולבען,
שטעלט זיך דאָס וואָלקנדל אָפּ,
און מיט אַ געבויגענעם קאָפּ
טוט ער שעמעוודיק פֿרעגן:
„שוועסטערקע טײַערע,
ווייסטו עפּשער וואו עס וואוינט דאָ דער רעגן?“

„דער רעגן?“
טוט עסטער בולבע מיט געוויין איבערפֿרעגן.
„דרײַ מײַל רעכטס, פֿיר מײַל לינקס,
נאָכער אַ מײַל גלײַך.
אַריבער דעם באַרג, אַריבער דעם וואַלד,
אָפּן גרונט פֿונם טײַך“.
און כאָטש ווײַט איז דײַן וועג
און פֿיסעלאַך האָסטו קורצינקע,
קרום,
דאַך,
זײַ אַ גוטער,
גיב אַ שפּרײַז איבערן דאַך און פֿאַר אַ ווײַלינקע בלויז
ברײַנג,

ברייננ מיר די זון.
דערפאַר וועט דער רעגן דיר קומען אנטקעגן
אַף אַלענקע וועגן.“

איז וואָלקנדל אַ גוטער און נאָך בעסער פון גוט.
און מיט די קורצע פיסעלאַך,
קרום,
האָט ער געגעבן אַ שפרייז אַריבער דעם דאַך
און געבראַכט גלייך די זון.

איז אַ גוטע די זון און נאָך בעסער פון גוט.
האָט זי זיך וואַרעם אַנגעבויגן,
די טרערן אויסגעקושט עסטער בולבען פון די אויגן,
און שטיל,
געפרעגט אַפן אויער,
„עסטער בולבע וואָס וויל?“

„איך וויל, איך וויל די קאַטשקעלאַך פיר,
איך וויל צוריק אויך די מיל.
ווינט, דער קייסן, האָט געפלאַכטן אַ שטריק,
פאַרנומען מיין שפיל און גיט ניט צוריק.“

האָט זיך אויפגעהויבן די זון און אַוועק צום ווינט.
און ווינט, דער קייסן,
צעוואַרעמט פון דער זונס וואַרעמע רייד,
האָט פאַרוואָרפן די שטריק,
און די קאַטשקעלאַך פיר, אויך די מיל,
געבראַכט צום ברעג גלייך צוריק.

פרייט זיך עסטער בולבע,
פרייט זיך די זון.
און דערפרייט טאַנצט דאָס וואָלקנדל
אַף די קורצע פיסעלאַך,
קרום.

אַפן פערד

פעלדער און וועלדער, טאָלן און בערג,
גיט אַ שפּרונג מאַטקע נאָז אַף זיין געזאָטלטן פערד,
און לאָזט זיך אַרויפצו, און לאָזט זיך אַראָפּ —
פעלדער און וועלדער, מאַטקע נאָז רייט גאַלאָפּ.

ב)
האָפּ, אין גאַלאָפּ — ערשט עסטער בולבע אַנטקעגן,
מיט אַ צייכן פון האַנט, אַף דעם קרייץ פון די וועגן,
האָט דאָס פערד אָפּגעהאַלטן אין פולן גאַלאָפּ.
אָפּגעהאַלטן, פאַרפאַלן—ז׳ער פון פערד גלייך אַראָפּ.

„וואָס וויל עסטער בולבע?“ פרעגט שטריינג
מאַטקע נאָז.
„אַז פאַרן וואַלד האָסטו מוירע, שרעקיגער האָז!
און פויגל נאָך פויגל פליט, ווי אַ פעסטע, דיך פאַרביי.
זוואָס ווילסטו, נו, קלער ניט, סאיז דיין קלערן
ניט קעדיי.“

„כוויל אַף דיין פערד.“ זאָגט עסטער בולבע
גאַנץ שטיל,
„און ברייננג מיך, איך בעט דיך, אַרויף צו דער מיל.
סקען נאָך די מאַמע דאָרט פון זינען אַראָפּ.
איך בלאָנדזשע, נעם, טראָג מיך, אין פול-פולן גאַלאָפּ.“

ג)
פעלדער און וועלדער, טאָלן און בערג,
עסטער בולבע, פאַרלאָזן, שטייט שווארץ ווי די ערד.
און סיאָגט מאַטקע נאָז נאָך ווילדער אין גאַלאָפּ —
פעלדער און וועלדער, און דאָס פערד שטעלט זיך אָפּ:

אָפּגעשטעלט, פאַרשטעלט — און אַך, וואָס פאַר
א טייך!
מיט פּישלאַך גאָלדענע און זילבערנע רייך.
און אַ שיפּל, באַם ברעג, שטייט רויט גליענד אין שיין.
טראַכט ניט מאַטקע נאָז, זעצט זיך אין שיפּל אריין.

ערשט שיפּל, דאָס שיפּל האָט ערגעץ פאַרלאָרן
דעם דעק,
און טייך, אָט דער טייך, האָט גלייך פאַרלאָרן
זיין ברעג.
און סיאָגן די כוואַליעס צו פאַרזינקען אַראָפּ.
וויינט, שרייט מאַטקע נאָז אָף גאָר דעם
אויבערשטן טראָפּ.

ד)
פעלדער און וועלדער, טאָלן און בערג.
און באָבעצע ז'דאָ, ווי פון אונטער דער ערד.
שטייט זי באַם וואַסער. שטייט, הערט דאָס געוויין.
און מאָטקע נאָז בעט זיך: — „אוי, באָבעניו קרוין!

כוועל מער ניט פאַרשעמען אַ כאָווער אין וועג,
און אַלץ, וואָס איך פאַרמאָג, גיב איך מיט גוטן אַוועק.
נאָר קער, האָב ראַכמאָנעס,קער מיך אום גלייך אַהיים,
כוועל מער אַזוי ניט טאָן, באָבעניו קרוין!"

זאָים באָבעצע מויכל, און זי טוט גלייך א בלאָז:
לויפן די כוואַליעס, ברענגען צוריק מאַטקע נאָז.
און באָבעצע קערט אים צוריק אום זיין פערד,
מיט אַ וואונק צו די ווייטע, אָפענע בערג.

ה)
פעלדער און וועלדער, מאַטקע נאָז רייט גאַלאָפּ,
פלינקער פון וויכער, מיט אַ צעשויבערטן קאָפּ,
דורך פעלדער, וועלדער, טאָלן און בערג —
אַהיים, אַ באַפרייטער, אָף זיין געזאַטלטן פערד.

מעגסט זיך שעמען

נעם איך אַ שוועבעלע און אַ שטיקל פּאַפּיר,
קומט אַן די מאַמע און נעמט שרייען אַף מיר.
נעם איך,
אַנטלויף איך,
אַנטלויף אַפן הויף.
און איך קלייב צונויף שפּענער,
רוק אונטער דאָס פּאַפּיר,
מאַך מיר אַ פייער —
ערשט ווידער אַ געשריי:
„וואָס טוט מען מיט דיר?
וועסט דאָך דאָס הויז פאַרברענען!“
„דאָס, —
דאָס וויל איך דאָך, מאַמע.“
„וואָס?“
שטוינט די מאַמע און צאַרנט פאַר קאַס.
מיינסטו עס מיט אַן ערנסט,
צי זאָגסטו עס אַף שפּאַס?“
„יע, מאַמע, מיט אַן ערנסט.
סטאַליין דאָך געזאָגט:
„זע נאָר, זע.
כוועל זיך דאָס לעבן נעמען!
זאָל ברענען דאָס הויז,
וועל איך ערשט פּאַטער ווערן פון דער מויז.“
האָסטו פאַרגעסן שוין, מאַמע?
מעגסטו זיך שעמען!...“

קאַרשן

עסטער בולבע, בול בול בול !
איז אַרוים אין גאַס מיט קעשענעס פול,
פול מיט קאַרשן.
און עסטער בולבע, בול בול בול !
האָט צעטיילט פולע הויפנס,
פון די קעשענעס פול,
צו די קינדער אין גאַס.

און אַלע האָבן געעסן און אַלע האָבן געלאַכט.
און אַלע האָבן זיך די פּענימער
מיט רויטן זאַפט אויסגעשמירט
און פאַר קלאָאונען געמאַכט.

אינמיטן איז אַ באַבעצע געקומען צוגיין.
אויסגעדאַרט און איינגעבויגן.
אין האַנט אַ שטעקן.
נאָז פאַרריסן.
אַ מויל אָן ציין.
און געבעטן מיט געוויין :
„גיט מיר אַ קאַרש“.

„מאַרש, מאַרש!“
האָבן די קינדער געשריען
און פון דער באַבעצע געלאַכט.
נאָר עסטער בולבע, בול בול בול!
האָט זיך אַ ווײַלע פאַרטראַכט:

„מיר האָבן מער קיין קאַרשן ניט“,
האָט זי מיט ראַכמאָנעס געזאָגט,
„און דו האָסט ניט קיין ציין.
נאָר, באַבעניו, זע:
דער קאַרשן זאַפט אַף מײַנע באַקן איז נאָך פריש,
איז נאָך ריין.
נעם דעם זאַפט אַף דײַן גומען,
ער איז זיסער פון האָניק
און שמעקנדיקער פון בלומען.“

איז דאָס דער באַבעצע זייער געפעלן.
האָט זי אַ שפרונג געזאָגט.
דעם שטעקן אויפגעהויבן.
געגעבן דרײַ מאָל דרײַ אַ קלאַפּ אין שטיין.
און עסטער בולבע, בול בול בול!
איז געוואָרן מיט אַמאָל ווי אַ פּייע שײַן.

בערל - קום - צוגיין

שיך-און-זאַקן, בערל-פלאָקן, בערל-קום-צוגיין
שטייט אינמיטן מאַרק —
שיך אַף די אַקסלען, זאָקן אין די הענט.
און אַז מפרעגט אים וואָס שטייט ער,
ענטפערט ער — אַט גייט ער,
„אַט קום איך צוגיין."
און ער בלייבט אַזוי ווייטער שטיין.
קומט אַ דריטער, קומט אַ פערטער,
אַ פינפטער און אַ זעקסטער,
עס קומען קינדער פון גאָר דער שטאָט.
און אַלע שטייען,
פרעגן:
„שיך-און-זאָקן, בערל-פלאָקן, בערל-קום-צוגיין,
וואָס טוסטו אַף איין אָרט שטיין?"
ענטפערט
שיך-און-זאָקן, בערל-פלאָקן, בערל-קום-צוגיין:
„אַז איר זיינט אַלע דאָ געקומען,
איז צו וועמען זאָל איך גיין?"
און ער טוט אָן שיך
און זאָקן,
נעמט אין האַנט דעם פלאָקן.
לאָזט די קינדער שטיין,
און ער גייט —
ער גייט אַהיים.

די מאַכשייפע

געזען האָט מאָטקע נאָז
ווי אַ מאַכשייפע האָט די לעוואָנע
הינטער וואָלקן פאַרקערט.
און געהערט,
אין דער שטילקייט פון נאַכט,
ווי זי האָט ציינלאָז־ווייך זיך צעלאַכט
און געזאָגט :
„לעוואָנע פאַרקערן.
פאַרדרייען די וועגן.
וועלן קינדער בלאָנדזשען.
וועל איך זיי קומען אַנטקעגן.
און זיי אַרויפכאַפּן אַפן בעזים
און זיי אַריינוואַרפן אין טאָפּ.
זיי קאָכן און בראָטן און זיי צופּרעגלען אַף אַ פאַן.
אַי, וועט עס זיין אַ מייכל.
פון גאַניידן דער טאַם“.

שטייט מאָטקע נאָז,
קוקט אַרויף.
און לאַנג ניט געטראַכט —
צוויי פינגער אין מויל אַריינגעשטעקט
און געגעבן אַ פייף אין דער ווייטקייט פון נאַכט.
דערהערט דעם פייף,
האָט די מאַכשייפע, פאַר שרעק,
דעם בעזים פון האַנט אַרויסגעלאָזן,
זיך איבערגעקערט
און געפאַלן קאָפּ אַראָפּ,
אַ טויטע אַף דער ערד.

קאַץ און מויז

קאַץ און מויז, קאַץ און מויז.
גייט אַ רויך פונם קוימען, ברענט אַ פייער אין הויז.
איז געקומען די קאַץ און געקומען איז די מויז.
און געזעצט האָט זיך די קאַץ לעבן אויוון, אויפֿן באַנק.
און געזעצט האָט זיך די מויז אין אַ לעכל פון שראַנק.
און ביידע האָבן געהיט, און ביידע האָבן געשמעקט.
און ביידע האָבן זיך מיט די טייערע רייכעס באַלעקט.
אָפּגעקאָכט.
אָפּגעפּרעגלט.
און אַרויס פונם טאָפּ. און אַראָפּ פון דער פּאַן.
און אויף טעלער צעלייגט פאַר קינדער און מאַן.

זיצט די קאַץ, זיצט די מויז.
טראַכט די קאַץ, טראַכט די מויז:
אַך, ווי גוט סוואָלט געווען,
די מייכאָלים אַליין אין דער באַלעבאָסטע צו זען.
און אַזוי ווי זיי טראַכטן, אַזוי איז געשען.
די באַלעבאָסטע איז אַרויס אויף אַ ווײַלע פון הויז.
און אַראָפּ איז די קאַץ פון איר זיץ, אויפֿן באַנק.
און אַרויס איז די מויז פונם לעכל אין שראַנק.
און קאַץ אין פאָראויס, און מויז נאָך דער קאַץ,
און ביידע אויפֿן טיש — צום פלייש, קוכן און פיש.
מע עסט און מפרעסט און מקוקט זיך ניט אום,
און טעלער נאָך טעלער אָפּגעליידיקט אַרום...

און אַט, מיטאַמאָל, די באַלעבאַסטע איז אַריין.
קוקט צעשראָקן די קאַץ, קוקט צעשראָקן די מויז.
גיט אַ שפּרונג די מויז, גיט אַ שפּרונג די קאַץ.
און די קאַץ נאָך דער מויז אין געיעג אַרום הויז —
מלויפט
און מפּליט
אַרויף און אַראָפּ, אַראָפּ און אַרויף,
אַהין און אַהער, אַהער און אַהין,
אַריבער די גלעזלאַך, אַריבער דעם גענשער פון וויין,
אַ גליטש אַראָפּ פון קאַמין, און אין פייער אַריין...

גייט אַ רויך פונם קוימען, ברענט אַ פייער אין הויז.
און געענדיקט איז די מייסע,
די מייסע איז אוים.

ווינט, דער שטיפער

ווינט, דער שטיפער, איז געקומען
און שטיפעריש,
אין שפיל,
אַ גלעט געטאָן,
באַטאַפּט:
אַ פיינער הוט!
אַראָפּגעכאַפּט.
און משאַק, פאַרפלויגן.
לויפט אים עסטער בולבע נאָך
מיט טרערן אין די אויגן.
און דער ווינט,
געשווינט,
נאָך פלינקער פון אַ האָז,
אַריין אין גראָז,
אַרויס,
און אָט —
ער איז שוין מיטן הוט אַפן קוימען פון הויז.
פרייט זיך דער קוימען:
סאיז אים וואַרעם אין קאָפּ.
כאַפּט ווינט, דער שטיפער, דעם הוט גלייך אַראָפּ
און טוט אים אָן אַף אַ בוימישן קאָפּ.
זינגט בוים, דער נאַר, אַ לויב דעם ווינט.
כאַפּט ווינט,
געשווינט
דעם הוט אַראָפּ,
גיט דריי מאָל אַ דריי,
אַ דריי
און אַ טראָג —
זעצט אים אַרויף עסטער בולבען אַפן קאָפּ.
און ער גיט זיך אַ קוליע און טאַנצט אַוועק אַ קאַדריל.
ווינט, דער שטיפער, האָט ליב אַזאַ שפּיל.

אָפּגענאַרט

כאַשע באַשע, אונדזער קעכן,
האָט אָפּגעבאַקן א טאָרט,
לעקאַך,
און קיכלאַך פון יעדן סאָרט.
לעקאַך מיט ראָזשינקעס און קיכלאַך מיט מאָן.
און אַ טאָרט מיט מאַלינעס, וואָס צעגייט אַף יעדן צאָן.
שטיי איך און קוק, ווי אַ צוגעשמידטער צו דער קיך.
און כאַשע באַשע, אונטער דער נאָז,
רעדט צו זיך און אַף גיך:
„וואו באַהאַלט מען, וואו באַהאַלט מען פּאָרט,
אַז דער נאַשער זאָל ניט גרייכן
דעם לעקאַך און טאָרט?“
און אַזוי־ווי זי רעדט און אַזוי־ווי זי קלערט,
זאָג איך:
„כאַשע באַשע, סטגעזען?
אָט, אָ, איז דער פעטער געקומען
און די מומע אָט קומט“.
גיט א גיי כאַשע באַשע, קוקט פון פענצטער אַפיר.
כאַפּ איך אַ ראָזשינקע פון לעקאַך,
אַ מאַלינע פון טאָרט.
און כאַשע באַשע נאָך מיר —
„געזען, אָט אַ נאַשער!
ער האָט מיך אָפּגענאַרט פּאָרט!“

קלעטערער זיבן

אויף
אַרויף
אַף אַ בוים
זיינען קינדער,
קלעטערער זיבן.
און איינער, אַ קלעטערער,
אַ ווערעמעלע פלוים,
אַזוי גיך ווי ער האָט דערקלעטערט צו אַ צווייג,
איז ער זיצן געבליבן, ווי אַ פויגל אין שטייג,
און מיט זיך אַליין, אַליין מיט זיך געבליבן.

קלעטערן די קלעטערער
אַזוי אַפן בוים.
איז דער בוים ניט קיין בוים,
נאָר אַ וואַלד.
און אין וואַלד דאַרפן זיין כאַיעס,
כאַיעס גאָר פיל.
ווערן זיי כאַיעס און שפּילן אַ שפּיל.
איז איינער אַ בער.
דער צווייטער אַ לייב.
און איינער איז אַ פוקס.
און איינער אַ וואָלף.
און איינער איז אַ אַף.
און איינער אַ שלאַנג.
און אייינער איז אַ פאַנגער,
וואָס לייגט פאַסטקעס פאַר פאַנג.

קריכן זיי, קריכן זיי
אַזוי אַפן בוים.
און אָט —
באַלד צום שפּיץ שוין דערגאַנגען.
און אַרוים איז דער פאַנגער

מיט אַ פּאַסטקע די גרויס —
אַלע כאַיעס אינאיינעם צו פאַנגען.

גייט ער און גייט,
ביז ער איז דערגאַנגען צו אַ נעסט,
שטייט ער באַם נעסט און טוט קלערן —
פון אַ לייב און אַ וואָלף, פון אַ פוקס און אַ אַף
און פון זיבן זיבן־יאָריקע בערן.

און אַזוי ווי ער שטייט און אַזוי ווי ער קלערט,
האָט זיך געגעבן אַ דריי און אַ וויקל
און אַ הויב פון דער ערד
און ווידער אַ וויקל
און אַרום זיינע פיס,
אַ דריי און אַ קלעם,
און אַ ביס.

„אוי אַ שלאַנג, אָט אַ שלאַנג!"
האָט ער געגעבן אַ קוויטש און געמאַכט אַ גוואַלד.
געמאַכט אַ גוואַלד,
אַזש געטרייסלט האָט זיך דער וואַלד.
און די קלעטערער זיבן,
ניט געטראַכט,
בעכיפּאָזן,
האָבן געשפּרונגען פון בוים,
ווי צעשראָקענע האָזן.

נאָר דער איינער,
אַוורעמעלע פלוים,
אַוורעמעלע פלוים אַפן צווייג פונם בוים
איז זיך רואיק, גאַנץ רואיק געבליבן.
און געלאַכט,
ער האָט געלאַכט,
זיך געקאַטשעט און געלאַכט
פון די גרויסע קלעטערער זיבן.

אין שרעק פֿאַר אַ מויז

דערזען עסטער בולבע אין גאַס האָט אַ מויז,
איז זי פֿאַר שרעק אויפֿגעשפּרונגען,
אַרייַנגעלאָפֿן אין הויז,
אַרויף אָפֿן טיש
און אָפֿן קאָל זיך צעשריען,
די הענט ווייט צעשפּרייט, ווי אַ פֿויגל אין פֿליען.
און אַז דער טאַטע איז אַריין אָן אָטעם,
פֿאַרסאָפּעט,
האָט זי נאָך אַלץ געגוואַלדעוועט
און ווילד, ווי אַ ציג, אָף די פֿיסלאַך געהאָפּעט.
„וואָס איז, עסטער בולבע, וואָס איז דאָ געשען?
האָט ווער דיך געשלאָגן?
האָסטו אַ ניט גוטן געזען?"
„אין גאַס,
אין גאַס אַ מויז, אַ מויז געלאָפֿן."
„דאָס גאָר?
מוירע פֿאַר אַ מויז!"
און דער טאַטע האָט זיך צעלאַכט,
אַזש געטרייסלט האָט זיך דאָס הויז.

נאָך די טויבן

אַט אױפֿן בוידעם
און שוין אױפֿן דאַך —
קראַך!
עס פֿאַלן די שינדלען.
און די טויבן —
אַ הויב
און אַ פֿלי,
פֿאַר די אויגן שווינדלען.

שווינדלען פֿאַר די אויגן
ווייסע,
געלע טויבן.
און טראַך
טאַ־ראַ־ראַך,
באַך!
אַראָפּ פֿונם דאַך.
און מיט פֿאַרלאָפֿענע אויגן,
צעבלוטיקטער נאָז —
ליגט,
כאַלעמט פֿון טויבן
מאָטקע נאָז,
בעריבאָז.

האָדעלע האָ

גענעסן איז האָדעלע האָ פאַרטיפט און פאַרטראַכט,
און ווייט אָפן זיינען געווען אירע אויגן.
ווײַס שוין די מאַמע,
אַז סוועבט אַ כאַלעם איר קינד,
לאָזט זי זיך אַראָפּ שטילערהייד
און אַ געפּליסטער איז איר וואָרט:
„וואָס הערסטו? וואָס זעסטו?
זאָג,
האָדעלע האָ,
מיט אַ מאַמען, מיין קינד, מעג מען זיך טיילן.“

* * *

„דער ווינט איז געקומען“, זאָגט האָדעלע האָ,
„מיט ווייכע טריט דער ווינט איז געקומען.
געקומען איז דער ווינט און מיך גענומען אַרויף באַרג,
אַרויף באַרג, באַרג אַרויף מיך גענומען.

און געפונען האָב איך דעם קעניג,
ווי ער שלאָפט אין זיין קרוין.
דעם קעניג אין זיין קרוין האָב איך געפונען.
און געפונען האָב איך די קעניגן,
ווי זי שלאָפט אין איר קרוין.
די קעניגן אין איר קרוין האָב איך געפונען.

און געפונען האָב איך די פּרינצעסן,
ווי אַ בלום איז זי שיין.
שיין ווי אַ בלום, האָב איך די פּרינצעסן געפונען.
און געפונען האָב איך דעם פּרינץ,
ווי אַ דעמב איז ער שיין.
ווי אַ דעמב איז ער שיין
און פאַרגאַפט איז ער געבליבן שטיין.
פאַרגאַפט געבליבן שטיין און געפרעגט מאָלע-כיין:
„האָדעלע, האָדעלע, האָדעלע האָ,
האָדעלע האָ פון וואַנען טוט קומען?"

„און אַז דער פּרינץ, האָדעלע האָ!
און אַז דער פּרינץ, האָדעלע האָ, האָט געטאָן פרעגן,
איז וואָס האָט געענטפערט האָדעלע האָ,
האָדעלע קינד,
ענטפער געשווינט,
מיין לעבן."

„און אַז דער פּרינץ האָט געפרעגט: „האָדעלע האָ,
האָדעלע האָ פון וואַנען טוט קומען?"
האָט געענטפערט דער ווינט:
„פון הי און ניט הי
טוט האָדעלע האָ,
האָדעלע האָ טוט קומען."

„איז גוט, האָדעלע האָ, איז גוט, האָדעלע האָ,
איז גוט — זאָגט דער פּרינץ —
וואָס דו ביזט געקומען."
און געגעבן האָט דער ווינט מיך אַ נעם און טראָג
און באַרג אַרויף, אַרויף באַרג מיך גענומען.

און געפונען האָב איך אַ שלאָס פון זילבער און גאָלד
און אין זילבער און גאָלד דער קעניג איז געקומען.
געקומען איז דער קעניג אין זילבער און גאָלד

און אין גאָלד און אין זילבער די קעניגן איז געקומען.
געקומען איז די קעניגן אין זילבער און גאָלד
און אין גאָלד און אין זילבער
די פּרינצעסן איז געקומען.
געקומען איז די פּרינצעסן אין זילבער און גאָלד
און אין גאָלד און אין זילבער דער פּרינץ איז געקומען.
דער פּרינץ איז געקומען
און מיך פּאַר אַ קאַלע גענומען.
מיך פּאַר אַ קאַלע גענומען, און געסט זיינען געקומען.
געסט זיינען געקומען און זיך דרייען גענומען.
זיך דרייען גענומען
ראָד אַריין, ראָד אַרויס, ראָד אַרויס, ראָד אַריין.
און געטרונקען האָבן מיר ביר
און געטרונקען האָבן מיר וויין.
און צוביסלאַך פון אַלעס,
פון אַלעס צוביסלאַך גענומען.

און פאַרדרייט האָט זיך מיר דער קאָפּ,
דער קאָפּ האָט זיך מיר פאַרדרייט.
און ניט געוואוסט האָב איך מער ווי מגייט,
ווי משטייט.
האָב איך געבעטן צום ווינט
און דער ווינט איז געקומען.
דער ווינט איז געקומען
און אַראָפּ באַרג,
באַרג אַראָפּ
צוריק אַהיים מיך גענומען.״

* * *

און סקושט זי די מאַמע :
„אוי, האָדעלע האָ, האָדעלע קינד,
מיין ליכטיקע, טייערע, מיין שיינע פּרינצעסן.״
נאָר האָדעלע האָ זיצט, הערט זיך צו צו דעם ווינט.
און קען אָן איר פּרינץ ניט פאַרגעסן.

שפּילן מיר



קאַרליקעס

אין גאַלאָפּ, אין גאַלאָפּ
אויף ווייסע, פּלומפּע פערד,
אין גאַלאָפּ, אין גאַלאָפּ
מיט ווייסע, לאַנגע בערד,
פליען קאַרליקעס אויף פערד,
פערד און בערד אין גאַלאָפּ —
קאָ־פּיט־קאָפּ! קאָ־פּיט־קאָפּ!

פליען קאַרליקעס אין גאַלאָפּ —
קאָ־פּיט־קאָפּ!
יאָגן קליינע קינדער.
יאָגן קאַרליקעס אין גאַלאָפּ —
קאָ־פּיט־קאָפּ!
כאַפּן קליינע קינדער.

כאַפּן קאַרליקעס אין גאַלאָפּ —
קאָ־פּיט־קאָפּ!
טראָגן קליינע קינדער.
טראָגן קאַרליקעס אין גאַלאָפּ —
קאָ־פּיט־קאָפּ!
לאַכן קליינע קינדער.

אין גאַלאָפּ, אין גאַלאָפּ
אויף ווייסע, פּלומפּע פערד,
אין גאַלאָפּ, אין גאַלאָפּ
מיט ווייסע, לאַנגע בערד,
פאָרן קאַרליקעס אויף פערד,
פערד און בערד אין גאַלאָפּ —
קאָ־פּיט־קאָפּ! קאָ־פּיט־קאָפּ!

אַ שפּאַס

פראַגע שטעלער:

הערט נאָר, קינדער,
הערט זיך איין:
ווער פון אייך קען טרעפן?
אַ האָן איז געגאַנגען און געגעבן אַ קריי.
איינס צוויי, איינס צוויי.
ניט געטראַכט!
איינס צוויי, איינס צוויי.
ווער ווייס ווי אַזוי
עס גיט דער האָן, דער האָן גיט אַ קריי?

מיידעלע:

איך ווייס ווי אַזוי.
עס גיט דער האָן מיטן קאָפּ אַ דריי
און קומען קומט אַרויס אַ קריי.
ניט אַזוי? ניט אַזוי?

פראַגע שטעלער:

האָסט געטראָפן! האָסט געטראָפן!

אינגעלאַך:

איצט מאַך זשע אויף די האַנט
און מאַך זשע צו די אויגן.
אָט איז דער קריי! אָט איז דער קריי! (1
און הענדום-פּענדום
האָן, דער האָן,
האָן, דער האָן איז פאַרפלויגן...

פראַגע שטעלער:

הערט נאָר, קינדער,
הערט זיך איין:

ווער פון אייך קען טרעפן?
אַ הון איז געגאַנגען און געלייגט אַן איי.
איינס צוויי, איינס צוויי.
ניט געטראַכט!
איינס צוויי, איינס צוויי,
ווער ווייס ווי אַזוי
עס לייגט די הון, די הון לייגט אַן איי?

אינגעלע:
איך ווייס ווי אַזוי.
עס גיט די הון מיטן עק אַ דריי
און קומען קומט אַרויס אַן איי.
ניט אַזוי? ניט אַזוי?

פראַגע שטעלער:
האָסט געטראָפן! האָסט געטראָפן!

מיידעלאך:
איצט מאַך זשע אויף די האַנט
און מאַך זשע צו די אויגן.
אָט איז דאָס איי! אָט איז דאָס איי! (2
און הענדום-פענדום
הון, די הון,
הון, די הון איז פאַרפלויגן...

נ. ב. 1) איינער פון די אינגעלאך גיט אַ קריי אפן קאָל — קוקירעקו! 2) איינע פון די מיידעלאך גיט דעם אינגעלע אַ רוי איי אין הענטל אריין און זי פאַר־קוועטשט זיינע פינגערלאך ביז דאָס איי פּלאַצט און רינט אויס. די מיידעלאך צעלאַכן זיך אפן קאָל און די אינגעלאך שרייען אויס — ברו־רו!

צען לעפל זופּ

פון איין לעפל זופּ, פון צוויי לעפל זופּ —
מיש, לעפל,
מיש, מיש
אין טעלער —
פון דריי לעפל זופּ, פון פיר לעפל זופּ
מיאַוקען די קעץ אין קעלער.

פון פינף לעפל זופּ, פון זעקס לעפל זופּ —
מיש, לעפל,
מיש, מיש
אין טעלער —
פון זיבן לעפל זופּ, פון אַכט לעפל זופּ,
פון ניין לעפל זופּ, פון צען לעפל זופּ
וועלן קינדערלאַך טאַנצן —
הופּ! הופּ!
אין קאַראַהאָד, אין קאַראַהאָד.

ווינטער ווייסער

שנייעלאַך ווייסינקע,
פליטערלאַך פוכינקע
פאַלן און שפּרייטן
און דעקן אַלץ איין.

קינדערלאַך שייניניקע,
אייז-ליכטלאַך קלייניניקע
ליכטיקן, גלימערן
אין זילבערנעם שיין.

אייגעלאַך צינדענדע,
גלעקעלאַך קלינגענדע
קלינגען און רופן:
אַהער קומט, היי!

שליטעלאַך רייניניקע,
קינדערלאַך שייניניקע
פאָרן און שניידן
דעם פוכיקן שניי.

אין וואַלד

כאָר:

אינגעלאַך, מיידעלאַך —
לאַך, לאַך, לאַך,
לאַך, לאַך, לאַך,
קלייבן יאַגדעלאַך,
בלימעלאַך —
לאַך, לאַך, לאַך,
לאַך, לאַך, לאַך.

ווייט, ווייט אין וועלדעלע —
ווייט, ווייט, ווייט,
צווישן יאַגדעלאַך און בלומען,
צווישן יאַגדעלאַך און בלומען;
ווייט, ווייט אין וועלדעלע —
ווייט, ווייט, ווייט,
האָבן אינגעלאַך מיידעלאַך געפונען,
האָבן אינגעלאַך מיידעלאַך געפונען.

אינגעלאַך:

מיידעלאַך, מיידעלאַך —
לאַך, לאַך, לאַך,
וואָס טוט איר דאָ אין וואַלד?
וואָס טוט איר דאָ אין וואַלד?

מיידעלאַך:

בלימעלאַך, בלימעלאַך —
לאַך, לאַך, לאַך,
קלייבן מיר אין וואַלד,
קלייבן מיר אין וואַלד.

כאָר:

ווייט, ווייט אין וועלדעלע —
ווייט, ווייט, ווייט,
צווישן יאַגדעלאַך און בלומען,
צווישן יאַגדעלאַך און בלומען;
ווייט, ווייט אין וועלדעלע —
ווייט, ווייט, ווייט,
האָבן מיידעלאַך אינגעלאַך געפונען,
האָבן מיידעלאַך אינגעלאַך געפונען.

מיידעלאַך:

אינגעלאַך, אינגעלאַך —
לאַך, לאַך, לאַך,
וואָס טוט איר דאָ אין וואַלד?
וואָס טוט איר דאָ אין וואַלד?

אינגעלאַך:

יאַגדעלאַך, יאַגדעלאַך —
לאַך, לאַך, לאַך,
קלייבן מיר אין וואַלד,
קלייבן מיר אין וואַלד.

כאָר:

אינגעלאַך, מיידעלאַך —
לאַך, לאַך, לאַך,
לאַך, לאַך, לאַך,
קלייבן יאַגדעלאַך,
בלימעלאַך —
לאַך, לאַך, לאַך,
לאַך, לאַך, לאַך.

אין רינגען

פליען טויבן, ווייסע טויבן,
טאַנצן שמעטערלינגען;
טאַנצן קינדער, קליינע קינדער
שליסן זיך אין רינגען.

קרייזן טייבעלאַך אין לופט,
שפּילן שמעטערלינגען;
דרייען קינדער זיך אין ראָד,
שליסן זיך אין רינגען.

וואָרקען טויבן, ווייסע טויבן,
שפּילן שמעטערלינגען;
שטיפן קינדער, שיינע קינדער
שליסן זיך אין רינגען.

שלאָף גיך

איך האָב אָנגעטאָן מיין נאַכט העמד
און געגרייט זיך גיין אין בעט.
געווען שוין אַכט אַ זייגער,
זאָגט מאַמע:
„שלאָף גיך, מיין טייערער, שלאָף גיך,
סאיז שפּעט".
האָב איך צוגעמאַכט די אויגן צו,
מאַמע האָט מיך איינגעדעקט.
און געשלאָפן האָב איך שטאַרק און גיך —
„טיק טעק"
אַ קלאַפּ אין טיר.
מהאָט מיך אויפגעוועקט.
בין איך פון בעט אַרויס.
אַריין אין קיך.
פרעגט מאַמע:
„וואָס, שוין אויפגעשטאַנען?"
„יע, מאַמע",
ענטפער איך.
איז אין כּעס די מאַמע.
שרייט:
„שוין אַרויס פון קיך!"
קען איך ניט פאַרשטיין.
האָב איך ניט געשלאָפן גיך?

מיישעלע דער קליינער

אף אַ פערדל
רייט אַ רייטער,
מיישעלע, דער קליינער,
לויפט ער, פליט ער —
האָפּ! האָפּ! האָפּ!
כאַפּן קען אים קיינער.

אפן באַרג אַרויף, אַראָפּ
יאָגט אים שאָלעם-פּייוול,
לויפט ער, פליט ער —
האָפּ! האָפּ! האָפּ!
טראָגט זיך ווי אַ טייוול.

ווייס דאָס פערדל, ווייס ווי שניי,
דיק די גריווע, לאַנג דער עק;
ווייס דאָס פערדל, ווייס ווי שניי,
יאָגט ער אָן מיט זיך אַ שרעק.

פונם באַרג אַרויף, אַראָפּ,
יאָגט אים איטשע-אויגל.
לויפט ער, פליט ער —
האָפּ! האָפּ! האָפּ!
טראָגט זיך ווי אַ פויגל.

אף אַ פערדל
רייט אַ רייטער,
מיישעלע, דער קליינער,
לויפט ער, פליט ער —
האָפּ! האָפּ! האָפּ!
כאַפּן קען אים קיינער.

מענדעלע מענדי

מענדעלע מענדי
האָט א קאַטער,
מענדעלע מענדי
איז פארקילט.
ניסט ער
און ניסט,
ניסט
און שיסט
און טרעפט שולאַמעסשין
גלייך אין פּאָנים אריין.
איז ברויגעז
שולאַמעסשי,
גייט זי דעם פּאָנים פאַרהילט,
און מענדעלע מענדי
האָט איר ליבע פארשפּילט.

זיידע באָבע

קינדער:

אין קאַרעדל, רונד אַרום,
האַנט אין האַנט געשלאָסן.

מיידל:

פון קאַרעדל,
קאַראַהו,
די באָבע האָט זיך פאַרנומען,
זוכט דער זיידע און ווייס ניט וואו
די באָבע איז אַהינגעקומען.

זיידע:

קינדער, קינדער!
ווייסט איר ניט וואו די באָבע איז?
סאיז מיר דאָך אַ וואונדער.

קינדער:

רויטע, רויטע ציגן,
בלויע פאַמעראַנצן.
סאיז די באָבע אַהיים געגאַנגען
מיט די ציגן טאַנצן;
סאיז די באָבע אַהיים געגאַנגען
פאַמעראַנצן פלאַנצן.

אינגל:

וואָס בייזערסטו זיך, זיידע?
וועסט דאָך באָבען ניט שלאָגן.
באָבע, באָבע, קום אַרויס,
איך מוז דיר עפּעס זאָגן.

קינדער:

קאַץ און מויז, קאַץ און מויז.
זיידע, באָבע אַרום הויז.
די קאַץ אַריין, די מויז אַרויס.
קאַץ,
מויז,
אַריין,
אַרויס.
געכאַפּט.
אוים!

נ. ב. מליגט אויס א שערייננע שטיינדלאך מיט אַ פּאָר אויסגעשניטענע בלויע ברילן פאַר די אינגלאך און אַ שערייננע שטיינדלאך מיט אַ רויט טיכל פאַר די מיידלאך. קינדער לויפן אין געוועט. דער, וואָס כאַפּט די ברילן, איז — זיידע. די, וואָס כאַפּט דאָס טיכל, איז — באָבע. דער, וואָס כאַפּט דעם ערשטן שטיין, שפּילט — אינגל. די, וואָס כאַפּט דעם ערשטן שטיין, שפּילט — מיידל. קינ־דער פאָרמירן אַ ראָד, זינגען: „אין קאַרעדל", מיידל זינגט — „פון קאַרעדל." זיידע פרעגט. קינדער ענט־פערן. אינגל רופט. באָבע באַווייזט זיך אויסערן קרייז. זיידע יאָגט נאָך דער באָבען. שפּילן „קאַץ און מויז."

צוויי מאָל איינס

אַז איינס איז איינס,
איז איינס,
ווייסן אַלע קינדער.
אַז צוויי מאָל איינס איז צוויי,
שטייען קינדער אין וואונדער.
אַז דריי מאָל איינס איז דריי,
שטייען קינדער און קלערן.
אַז פיר מאָל איינס איז פיר,
רייבן קינדער דעם שטערן.

און איך ווייס:
אַז איינס איז איינס.
אַז צוויי מאָל איינס איז צוויי.
אַז דריי מאָל איינס איז דריי.
אַז פיר מאָל איינס איז פיר.

און אַז מאַפּסיק
האָט איין זאַק מיינעם פאַרשלעפּט.
און אַז מאַמע זאָל ניט שרייען,
האָב איך געטאָן אַ קלער —
געגעבן אַ שניט.
ערשט איך הער אַ געשריי:
„וואָס טוסטו מיט דער שער?"
„איך מאַך צוויי מאָל איינס —
צוויי."

כאַיעלע און שמאַיעלע

כאַיעלע און שמאַיעלע
שפּילן זיך אין גאַס,
רייבן זיי ציגל
און מאַכן זיך קוואַס.
קוואַס צום טרינקען,
אַ פּעני אַ גלאַז.
און בײַ כאַיעלען און בײַ שמאַיעלען
איז פון ציגל רויט
די
נאַז.

לייבעלע פּעמפּיק

לייבעלע פּעמפּיק
איז פול אין די טעפּ,
לייבעלע פּעמפּיק,
נאָר ער קריכט אַף די טרעפּ.

און פון די טרעפּ צו די טעפּ,
אַרויף און אַראָפּ,
לייבעלע פּעמפּיק
גייט מיט אַ בייל אַפן קאָפּ.

העזעלע נעזעלע

העזעלע נעזעלע,
אַהער און אַהין,
אַט אַרויף אַפן באַרג
און אַט אַראָפּ פונם באַרג,
אַט אַרויף אַפן וועג
און אַט אַראָפּ פונם וועג,
און נאָך אים און מיט אים —
אַפן באַרג,
אַראָפּ באַרג,
אַפן וועג,
אַראָפּ וועג,
נאָך אים און מיט אים —
דאָס עקעלע אַרויף,
דאָס עקעלע אַראָפּ,
דאָס עקעלע אַהער,
דאָס עקעלע אַהין —
העזעלע נעזעלע,
היפּ!

פּאַיאַץ

אין אַ מיץ מיט גלעקלאַך —
קלינג-קלינג-קלונג!
אין אַ מיץ מיט גלעקלאַך —
איך גיב אַ טאַניץ, איך גיב אַ שפּרונג,
פּלאַצט די פּויק
און סברומט די טאַץ —
באַץ! באַץ!
פּאַיאַץ!

אין אַ מיץ מיט גלעקלאַך —
קלינג-קלינג-קלונג!
אין אַ מיץ מיט גלעקלאַך —
איך גיב אַ קריי, איך גיב אַ זונג,
פּלאַצט די פּויק
און סברומט די טאַץ —
באַץ! באַץ!
פּאַיאַץ!

אין אַ מיץ מיט גלעקלאַך —
קלינג-קלינג-קלונג!
אין אַ מיץ מיט גלעקלאַך —
איך זאָג אַ וויץ און גיב אַ וואונק,
פּלאַצט די פּויק
און סברומט די טאַץ —
באַץ! באַץ!
פּאַיאַץ!

אין אַ מיץ מיט גלעקלאַך —
קלינג-קלינג-קלונג!
אין אַ מיץ מיט גלעקלאַך —
איך לאַך אייך אוים און שטעל אַ צונג,
פּלאַצט די פּויק
און סברומט די טאַץ —
באַץ! באַץ!
פּאַיאַץ!

ווינטער־וויכער

ווינטער־וויכער, דריי,
ווינטער־ווייסער, ווײ —
ווײ, ווײ, ווײ,
און ברײנג אַ שנײ
פֿאַר די קלײנע קינדער,
פֿאַר די שײנע קינדער.

וועלן קינדער אינם שנײ,
אינם ווייסן, ווייכן שנײ,
קײקלען זיך און שליטלען
אין זײדע־ווינטער׳ס,
ווינטער־ווייסע־קיטלען.

ווינטער־אַלטער, קום,
ווינטער־קאַלטער, ברום —
ברום, ברום, ברום,
דעם טייך מאַך שטום
פֿאַר די קלײנע קינדער,
פֿאַר די שײנע קינדער.

וועלן קינדער אַפֿן אײז,
אַפֿן האַרטן, קאַלטן אײז,
לוזשבען זיך און שליטלען
אין זײדע־ווינטער׳ס,
ווינטער־ווייסע־קיטלען.

עפּעלאַך

עפּעלאַך,
קעפּעלאַך,
רויטינקע בעקעלאַך —
עפּעלאַך אפן בוים.

און ווילסטו אַן עפּעלע,
טאָ שפּאַר אָן דאָס קעפּעלע,
מאַך צו די אייגלאַך און
ט---ם:

עפּעלאַך,
קעפּעלאַך,
רויטינקע בעקעלאַך —
עפּעלאַך אפן בוים.

הינער - הענער - טאַנץ

האָפּ! האָפּ! האָפּ! האָפּ!
שפּרינגען מיר ווי הינער,
קרייען מיר ווי הענער —
ווער סאיז קלענער,
ווער סאיז קלענער
זאָל אַריין, אַריין אין ראָד;
ווער סאיז קלענער,
ווער סאיז קלענער
זאָל אַריין אין ראָד.

האָפּ! האָפּ!
דרייט דאָס ראָד.
דרייט אַריין און דרייט אַרויס,
שפּרינגט די הון, קרייט דער האָן —
קליינע גייען אַרויס פון קאָן.

האָפּ! האָפּ! האָפּ! האָפּ!
שפּרינגען מיר ווי הינער,
קרייען מיר ווי הענער —
ווער סאיז שענער,
ווער סאיז שענער
זאָל אַריין, אַריין אין ראָד;
ווער סאיז שענער,
ווער סאיז שענער
זאָל אַריין אין ראָד.

האָפּ! האָפּ!
דרייט דאָס ראָד.
דרייט אַריין און דרייט אַרויס,
שפּרינגט די הון, קרייט דער האָן —
שיינע גייען אַרויס פון קאָן.

אַ בריוו

מיין ברודער האָט אַ פעדער, טינט און פּאַפּיר.
מיין ברודער קען שרייבן אַ בריוו.

און איך האָב ניט קיין פעדער, קיין טינט און פּאַפּיר.
שרייב איך מיטן פינגער אין זאַמד
צו מיין באָבען און זיידן אין ווייט-ווייטן לאַנד.

וועט מיין באָבע און זיידע קומען אַף אַ שיף
פון ווייט-ווייטן לאַנד.
און מיין באָבע און זיידע וועלן לעזן מיין בריוו
געשריבן אין זאַמד —
מיט מיין אייגענער האַנט.

פּאַך - פּאַך - פּאַך

פּאַך־פּאַך־פּאַך,
פּאַכער־פּאַן!
פליגלען האָסטו, רויטער האָן,
טאָ גיב אַ קריי
און אַ פלי
אויף
אַרויף
און אַראָפּ,
און ווייז
קאַק־קוואַקען,
דער גראַבער־ראַבער,
באָבע הון,
אַז
אַ־האָר־ניט,
גאָר־ניט
איז איר זילבערן איי
אַנטקעגן די גילדערנע צוויי,
וואָס געלייגט האָט די זון.

דאָס קלאַפּערל

קלאַפּט דאָס קלאַפּערל
אין פּייקעלע,
בום!
פאַראַן איז אַ זון,
אויך פאַראַן איז אַ בוים,
און אַפן בוים איז אַ פויגל פאַראַן.
זינגט פויגל אַפן בוים,
אַנטקעגן דער זון,
צום קלאַפּ פון קלאַפּערל
אַפן פּייקעלע,
בום!

„דער טאָג איז שיין, דאָס וואַסער איז ריין,
איז לאָמיר, קינדער, זיך באָדן גיין."

און אַז דער טאָג איז שיין און אַז דאָס וואַסער איז ריין,
איז אַריין אינם וואַסער,
פּליוך, פּליוך,
און אַרויס.
און צוריק פונם באָדן,
נאָכן קלאַפּ פונם קלאַפּערל
אַפן פּייקעלע,
בום!
פליט פויגל צום בוים
אַנטקעגן דער זון.

און די קינדער, אונטער בוים,
צעלייגט
מיט עפל, מיט בארן,
מיט נים —
עסן און עסן,
אַ בים נאָך אַ בים.
און ניטאָ מער קיין עפל,
קיין בארן ניטאָ —
זיינען ניסלאַך דאָ!
דאַרף מען ניסלאַך קנאַקן.
קנאַקט מען
און מ'מאָלט אַף ביידענקע באַקן.
איז צופרידן דער פויגל,
און אַנטקעגן דער זון
צום קלאַפּ פון קלאַפּערל
אַפן פייקעלע,
בום!
רופט קינדער אין שפּיל.

איז אַ הויב און אַ שפּרונג,
אַ דריי אין אַ ראָד.
און געמאַכט איז אַ מיל.
און די מיל האָט אַ מילנער.
און דער מילנער דאַרף ווינט
און דער ווינט דאַרף אַ ראָד.
דרייט זיך דער ווינט,
ראָד אַריין, ראָד אַרויס,
יאָגט דער מילנער,
כאַפּט דעם ווינט,
פאַרשליסט אים אין מיל,
און די שפּיל איז אויס.

איז צופרידן דער פויגל,
און אַנטקעגן דער זון,

זינגט צום קלאַפּ פון קלאַפּערל
אַפן פּייקעלע,
בום!

„פאַרגיין טוט די זון, די זון טוט פאַרגיין,
איז צייט פאַר קינדער זיך פּאַקן אַהיים,
זיך פּאַקן אַהיים און שלאָפן גיין.“

און אַף מאָרגן! —
פאַראַן איז אַ בוים
און אַפן בוים איז אַ פויגל פאַראַן.
וועט דער פויגל
צום קלאַפּ פון קלאַפּערל
אַפן פּייקעלע,
בום!
אויפוועקן די קינדער
גלייך מיט דער זון.
בום, בום, בום!
בום, בום!
בום!

געלער גוילעם

איציק שמיציק,
געלער גוילעם.
איציק שמיציק,
שנייד און שניץ,
וועט דיין
מיידל דריידל
האָבן אַ נאָז מיט אַ שפּיץ,
נאָך דינער פון אַ נאָדל
און שאַרפער פון אַ שווערד.
דיין קאָלע,
דו גוילעם,
וואָס איז דיר באַשערט.

פייגעלע סאָרע

פייגעלע סאָרע
האָט אייגעלאַך קלאָרע.
פייגעלע סאָרע
האַלט דאָס קליידעלע ריין.

פייגעלע סאָרע
האָט אייגעלאַך קלאָרע.
פייגעלע סאָרע
איז אַלעמאָל שיין.

יאַנקל באַנקל

ביזט אַ באָק!
יאַנקל באַנקל,
בריקעסט מיט די פיס,
שטויסט מיטן קאָפּ,
און קעסיידער פאַרלירסטו
די רעכטע
זאָק.

ווינטן ווייען

ווינטן ווייען, פאַלן שנייען,
דרייען שנייען הויכע בערג,
בערג,
בערג,
בערג.

און פון די בערג דער זיידע-ווינטער,
גליטשן שלייפט ער, טרוימען שפינט ער,
צעקאַמט זיין באָרד אין וועגן צוויי
און רופט: „קומט, קינדער, אהער! — אהער
אינם שניי!“

און מיט פליים און פרייד די קינדער
מאַכן שניי-מענטשן גאָר אַ וואונדער.
וואַרפן זיך מיט קוילן — איינס - און - צוויי
און גליטשן שוסטער-שניידער, באַרג אַראָפּ,
אינם שניי.

ווינטן ווייען, פאַלן שנייען,
דרייען שנייען הויכע בערג,
בערג,
בערג,
בערג.

מאַטאָנעס

פּיק פּאַק,
פּיק פּאַק,
באָבע באָבע שטריקט אַ זאַק;
פּיק פּאַק,
פּיק פּאַק,
זיידע טראָגט אַ לאַפּסערדאַק.

און פּיקעלע פּעקעלע
פּעקעלע פּיק —
באָבע האָט געגעבן אייניקל
קעז־קוכן אַ שטיק.

און פּיקעלע פּעקעלע
פּעקעלע פּעק —
זיידע האָט געגעבן אייניקל
טאַבאַק אַ שמעק.

האַפּטשי!

קלאַפּט דאָס פּייקל

קלאַפּט דאָס פּייקל, קלאַפּט דאָס פּייקל,
קלאַפּן הענטלאַך צו;
קלאַפּט דאָס פּייקל, קלאַפּט דאָס פּייקל,
קלאַפּן מײַלכלאַך צו —
בו בו בו!

טאַנצן קינדער אין קאַראַהאָד,
טאַנצט די וועלט אַרום;
פאַלן קינדער אין קאַראַהאָד,
פאַלט די וועלט אויך אום.

קלאַפּט דאָס פּייקל, קלאַפּט דאָס פּייקל,
קלאַפּן הענטלאַך צו;
קלאַפּט דאָס פּייקל, קלאַפּט דאָס פּייקל,
קלאַפּן מײַלכלאַך צו —
בו בו בו!

כאַסן קאַלע

קינדער:
איהאַ, איהאַ! אַ אינגעלע;
איהאַ, איהאַ! אַ מיידעלע —
טאַנצן כאַסן קאַלע,
טאַנצן כאַסן קאַלע.
איהאַ, איהאַ! אַ אינגעלע;
איהאַ, איהאַ! אַ מיידעלע —
טאַנצן מיר אַרום,
טאַנצן מיר אַרום,
קלאַפּט דאַס פּייקל —
בום! בום! בום!

מיידעלע:
כאַסעלע, כאַסעלע, וואָס סטו טאָן,
אַז דיין טאַטעלע וועט דעם שידאַך שטערן,
דעם שידאַך שטערן?

כאַסעלע:
איכל מיט מיין קאַלעלע גיין,
איכל מיט מיין קאַלעלע גיין,
איכל קיינעם, קיינעם ניט הערן,
קיינעם ניט הערן.

אינגעלע:

קאַלעלע, קאַלעלע, וואָס סטו טאָן,
אַז דיין מאַמעלע וועט דעם שידאַך שטערן,
דעם שידאַך שטערן?

קאַלעלע:

איכל מיט מיין כאַסעלע גיין,
איכל מיט מיין כאַסעלע גיין,
איכל קיינעם, קיינעם ניט הערן,
קיינעם ניט הערן.

קינדער:

איהאַ, איהאַ! אַ אינגעלע;
איהאַ, איהאַ! אַ מיידעלע —
טאַנצן כאַסן קאַלע,
טאַנצן כאַסן קאַלע.
איהאַ, איהאַ! אַ אינגעלע;
איהאַ, איהאַ! אַ מיידעלע —
טאַנצן מיר אַרום,
טאַנצן מיר אַרום,
קלאַפּט דאָס פּייקל —
בום! בום! בום!

פייסי פעפער

פייסי פעפער,
טעלער לעקער,
פּאַפּט ביז האַלבן טאָג.
ער זופּט אַביסל פון דער שיסל
און אַסאַך — פון טאָפּ.

און פייסין פעפער,
טעלער לעקער,
פאַרדרייט האָט זיך דער קאָפּ.
איז ער אַוועק פון טאָפּ
צו דער שיסל.
און פון שיסל איז ער אַוועק נאָר פּאָפּן אַביסל.
און ער פּאָפּט אַ גאַנצן טאָג.

אין בלינדעניש

קינדער:
מיט אַ טיכל אױף די אױגן
גײט אַ בלינדער,
טאַפּט און קלאַפּט
און זוכט די קינדער —
(שטופּן אים אָפּ)
גײ און טאַפּ,
טאַפּ און כאַפּ,
װער אױס בלינדער,
זײ אַ כװאַט.
(רײַצן זיך)
אַהער, אַהער,
דו, בלינדער בער.
איהאָ!
בלינד דײַן טאַפּן,
װעסט קײנעם כאַפּן.
אָט! אָט! אָט!
שיר ניט, שיר!
װאָס סטו געטרונקען
קװאַס, צי ביר?
גײסטו גלײַך, גײסטו קרום,
װעמען זוכסטו איצט אַרום?
אָט! אָט! אָט!
איהאָ!
ער האָט דערטאַפּט,
ער האָט געכאַפּט —
בער, דו בלינדער,
ביזט אַ כװאַט.

באַם טײַכל

זיץ איך מיר באַם טײַכעלע,
הער איך צו זײַן ליד,
כוואַליעט זיך דאָס וואַסערל,
רופט און ציט מיך מיט.

טו איך אויס די שיכעלאַך,
באָרוועס, ווי איך שטיי,
לאָז איך מײַנע שיפעלאַך
און איך גיי נאָך זיי.

וויגט זיך אום דאָס טײַכעלע
וויגט זיך שטיל און מיד,
שפּילן זיך די כוואַליעלאַך,
זינגען זייער ליד.

בינעלע און שפּינעלע

בינעלע, בינעלע,
בינעלע בין,
פֿון בלימעלאַך געלענקע
און בלימעלאַך גרין
קלייבט האָניקל,
האָניקל,
האָניקל זים,
בינעלע, בינעלע.
בינעלע בין.

שפּינעלע, שפּינעלע,
שפּינעלע שפּין,
פֿון פּעדימלאַך זיידענע —
שאַ, שטיל, אין געשפּין,
שפּינט נעצל,
אַ נעצל,
אַ נעצעלע דין,
שפּינעלע, שפּינעלע,
שפּינעלע שפּין.

און שפּינעלע שפּין
מיט אַ נעצעלע דין,
איז אַוועק
צו בינעלע בין
אַף אַלענקע פֿים,
נאָך האָניקל זים.

זיך איבערגעבעטן

כאַוועלע פּאַוועלע:
סראָליק קראָליק,
נאַרעלע, נאַר,
סראָליק קראָליק,
זאָג —
ווי אַזוי וואַקסט אַן עפּל,
ווי אַזוי וואַקסט אַ באַר.
סראָליק קראָליק,
נאַרעלע, נאַר.

סראָליק קראָליק:
אַן עפּל וואַקסט אַף אַן עפּל בוים,
אַף אַן עפּל בוים — כאַ כאַ!
און סוואַקסט די באַר אַף אַ באַרן בוים,
אַף אַ באַרן בוים — לאַ לאַ!

סראָליק קראָליק:
איצט זאָג,
כּאַוועלע פּאַוועלע,
קלוגינקער קאָפּ,
כּאַוועלע פּאַוועלע
זאָג —
וואָס איז דער אונטערשייד
צווישן אַ צאַפּ און אַ צאָפּ.
כּאַוועלע פּאַוועלע,
קלוגינקער קאָפּ.

כּאַוועלע פּאַוועלע:
אַ צאַפּ האָט הערנער און אַ צאַפּ האָט אַ באָרד,
אַ צאַפּ האָט אַ באָרד — לאַ לאַ!
און אַ מיידעלע מיט אַ צאָפּ
האָט פאַרדרייט דיין נאַרישן קאָפּ —
כּאַ כּאַ! כּאַ כּאַ כּאַ!

נ. ב. פון רעכטס און לינקס, אויף דער בינע קומען אָן, ווי אונערוואַרטעט, פּאָנים על פּאָנים, די צוויי קינדער. אַ ווײַלע בלײַבן זיי שטיין, ווי פאַרלאָרן, מיט אַראָפּגעלאָזענע קעפּ און פאַרגאַנגוועטע בליקן. סראָליק קראָליק דרייט, נערוועז, אַן עפּל אין האַנט. און כּאַוועלע פּאַוועלע, דערזעענדיק דעם עפּל, טוט אַ שמייכל און פאַנגט אָן מיט דער „פּראַגע." נאָכדעם ווי זיי האָבן זיך „איי־בערגעפרעגט", באַט סראָליק קראָליק אָן, ווי אַ פאַרשול־דיקטער, אָן ווערטער, זיין עפּל צו כּאַוועלען פּאַוועלען, אַ מאַטאָנע. כּאַוועלע פּאַוועלע שטרעקט, קווײַנקלענדיק־לאַקאָניש, אויס די האַנט נאָכן עפּל, כאַפּט סראָליק קראָ־ליק, שטיפעריש, דעם עפּל גלייך צוריק, און די קינדער ביכיקען, ווי פאַרליבטע.

אַפֿן אײַז

פֿרישער שנײ,
אָט אײנס און צװײ,
פֿאַרװײַס גליטשן —
װיו - הו - הו,
באַך!

און ראָד אַרײַן און ראָד אַרױס,
אַף לױזשבעס
קלײן און גרױס;
שנײַדן גלײַך,
שנײַדן קרום,
פֿליען, כאַפּן זיך אַרום.
און - אײנס - און - צװײ
פֿאַרשאַרט דעם שנײ,
קרײַז אין קרײַז —
משאַרפּט דעם אײַז.

אַ פּיקניק

בלומען, בלומען, רויטע בלומען
פלעכטן מיר אין קראַנצן;
בלומען, בלומען, ווילדע בלומען
פלעכטן מיר און טאַנצן.

פריש דאָס גראָז, גרין דאָס גראָז,
אַן ערטל גאָר אַ שיינער;
טיף דאָס גראָז, ווייך דאָס גראָז,
זעצט זיך יעדער איינער.

לידער, לידער —
ברויט און פּוטער
עסן מיר און זינגען;
לידער, לידער —
באַרנעס, פלוימען
עסן מיר און שפּרינגען.

בלוי דער הימל, קלאָר דער הימל,
אַן ערטל גאָר אַ שיינער;
ריין דער הימל, ווייט דער הימל,
שפּילט זיך יעדער איינער.

בלומען, בלומען, רויטע בלומען
פלעכטן מיר אין קראַנצן;
בלומען, בלומען, ווילדע בלומען
פלעכטן מיר און טאַנצן.

קאַפּעלע קאָפּ

קאַפּעלע קאָפּ
איז אַ פּאַראַקשנטער מרוק,
און רעדט ניט אוים קיין וואָרט.

„דערפאַר“,
זאָגט דער זיידע,
און די באָבע האָט געזאָגט,
(און וואָר איז זייער וואָרט)
„וועט קאַפּעלע קאָפּ,
דער פּאַראַקשנטער מרוק,
נאָך האָבן צו ניין יאָר אַ באָרד.“

קיץ קעצל, די נאַשערן

קיץ,
קיצי,
קעצל
האָט געלעקט די מילך פון טעצל.
אויסגעלעקט די מילך,
האָט זי איבערגעקערט דאָס טעצל
און געבעטן: „מיאַו — אַ פלעצל."
קיין פלעצל ניט געקראָגן,
האָט זי די אייגעלאַך געריבן און גענומען קלאָגן:
„מיאַו, מיאַו, מי!
איך האָב געפּאַשעט די קי,
איך האָב געמעלקט די ציגן,
און מיט אַ בעזים
אַרויף,
אַראָפּ,
געטריבן איך האָב די פליגן.
די פליגן געטריבן,
די קאָמאָרן פאַריאָגט,
מיאַו, מיאַו, מי!"
האָט דאָס קעצעלע געקלאָגט.

און קיץ,
קיצי,
קעצל,
די נאַשערן, זאָגט ליגן.
טרינק זשע גיכער,
טייערער,
ועסטו דאָס פלעצל קריגן.

זיבן ציגן

הולע דולע
ווייסע ציגן,
האָלע
האָלעדראַנצעס!
זיבן ציגן, אַף די שטיגן,
מיט באַמבלענדיקע בערד;
זיבן ציגן, אַף די שטיגן,
פּאָכען מיט דער שווערד.

הולע דולע
ווייסע ציגן,
האָלע
האָלעדראַנצעס!
זיבן ציגן, אַף די שטיגן,
פּאָכען מיט דער שווערד;
זיבן ציגן, אַף די שטיגן,
גאָלן זיך די בערד.

מוטער און קינד

שלאָף ליד

שאַ, מיין קינד, נו, שאַ,
שלאָף איין,
וועסטו וואַקסן,
אַ גרויסער זיין.
און וואַקסן וועט די זון,
איר שיין —
וועט מיין קינד גאָר וואַרעם זיין.
נו, שאַ, מיין קינד,
שלאָף איין.

שאַ, מיין קינד, נו, שאַ,
ניט וויין,
וועט מאָרגן זיין אין דרויסן שיין.
און ווי נאָר מאַמע עפענען וועט די טיר,
קומען וועט איילעיאָהע האַנאָווי צוגיין
און ברענגען שפּילעכלאַך פאַר דיר.
נו, שאַ, מיין קינד, ניט וויין,
וועט מאָרגן קומען איילעיאָהע האַנאָווי צוגיין.

שאַ, מיין קינד, נו, שאַ,
זיי שטיל.
ווילסט דאָך קריגן שפּילעכלאַך גאָר פיל.
אַ פידעלע ווי וועלוועלעס, מיט אַ סמיטשיקל אַ קליינס,
און קריגן וועסטו אויך אַ גאַרניטערל אַ שיינס.
נו, שאַ, מיין קינד,
שאַ, נו־או,
נו־או, נו־או, נו.
מאַך דיינע זיסע אייגעלאַך צו.

אַפן האַנט

שעווען נעווידמעט.

דו ווילסט אַפן האַנט ? און דו ביזט דאָך שוין אַ גרוים קינד. שעמסטו זיך גאָרניט אַפן האַנט צו בעטן ?

געדיינקסט דאָך לעצטע נאַכט : דו האָסט געוויינט, ניט געוואָלט גיין און נאָר אַפן האַנט זיך געריסן. האָב איך דיך אַפן האַנט גענומען, און פאַרשוואומען איז די לעוואָנע הינטער אַ וואָלקן און פאַר כאַרפּע זיך דאָס פּאָנים פאַרדעקט, און פינצטער איז געוואָרן, פינצטער.

האָב איך דאָך דיר געזאָגט, אַז דו וועסט פון האַנט אַרונטערגיין, וועט די לעוואָנע צוריק פון צווישן די וואָלקנדלאַך, אַ ליכטיקע, אַרויסשווימען. האָסטו מיך געפאָלגט, און ווי נאָר דו ביזט פון האַנט אַרונטערגעגאַנגען, איז די לעוואָנע אַ גרויסע, אַ ליכטיקע אַרוים. און דו האָסט זיך אַזוי געפרייט און געלאַכט.

און געדיינק : האָסט צוגעזאָגט מער אַפן האַנט ניט צו גיין. די לעוואָנע האָט עס געהערט און אויך די שטערנדלאַך געדיינקען דיין צוזאָג.

נאָר דו ווילסט ניט אַפן האַנט. איך זע. — אַט אַזוי ! אַליין, אַליין וועט מיין זונעלע גיין.

ניט וויין

דו וויינסט, מיין קינד, און דו זעסט ניט ווי דיינע אויגן ווערן קלענער, שמעלער און שמעלער, און ווי דיינע ליפּעלאַך ווערן איינגעצויגן און צעקרימט, און מיעס אַזוי.

ווען דיינע כאַוויירים זאָלן דיך איצט דערזען, וואָלטן זיי הויך אַפן קאָל זיך צעלאַכט. נאָר קיינער ווערט פון מיין קינד ניט לאַכן, קיינער וועט מיין קינד אַ וויינענדן ניט זען.

הער אויף צו וויינען, מיין קינד! ווילסט דאָך ניט אויסלעשן דאָס פייער פון דיינע אויגן מיט דעם יאַם פון טרערן. ווילסט דאָך ניט, אַז דיינע צע־קרימטע, איינגעצויגענע ליפּעלאַך זאָלן שוין אַף אייביק אַזוי פאַרבלייבן — טאָ הער אויף צו וויינען, מיין קינד, הער אויף!

נאָר דו ווילסט ניט אויפהערן, און דיינע אויגן ווערן קלענער און קלענער, שמעלער און שמעלער, און באַלד וועט מען שוין גאָר קיין אויגן ניט זען. וועלן די כאַוויירים, ווי דעם אַלטן זיידן, אַ בלינדן דיך פירן. און דו ווילסט דאָך בלינד ניט זיין!

מיין קינד וועט קיינער ניט פירן. מיין קינד האָט גרויסע, ליכטיקע אויגן, און אַלע ווילן זיינע אויגען זען. לאָמיך נאָר אַריינקוקן אין דיינע אויגן. אָט אַזוי! שיין! שיין! מיין אינגעלע וויינט ניט. ס'איז ניט געווען מיין אינגעלעס געוויין.

קינדער זויבערע

ווען די לעוואָנע לייכט אויף און מיט איר די טויזנטער שטערנדלאַך, וואַשן זיך די קינדער דאָס פּאָנים און די הענט, פאַרקאַמען זיך די האָר און גייען ריינע, זויבערע שלאָפן.

די לעוואָנע האָט פיינט שמוציקע קינדער. זעט זי אַ שמוציק קינד, קערט זי אָפּ דעם קאָפּ און קוקט מער אין זיין פענצטער ניט אַריין. און דו האָסט דאָך ליב די לעוואָנע. וואָלסט דאָך וועלן, אַז זי זאָל שטענדיק אין דיין פענצטער קוקן — טאָ פאַרוואָס האָסטו דעם פּאָנים ניט אָפּגעוואַשן? — און די הענט, זע, ווי שמוציק זיי זיינען.

און דו וועסט דאָך אָפּוואַשן די הענט, מיין קינד. אַ יאָ?

און גייט אַ קינד שלאָפן מיט צעשויבערטע האָר, קומען בעטלער און מיט שטעכעדיקע בעזימער קאַמען זיי זיין קאָפּ. נאָר מיין קינד וועט קיינער ניט קאַמען. אליין וועט ער זיך אָפּוואַשן דאָס פּאָנים און די הענט, אליין וועט ער זיך פאַרקאַמען, אליין וועט ער זיך אויסטאָן און שלאָפן גיין.

וועט קומען די לעוואָנע, אַ קוק טאָן אין דיין בעטל און זאָגן: „אָ, ווי ריין!“ און אַ גאַנצע נאַכט וועט די לעוואָנע איבער דיין פענצטער שטיין.

און רואיק וועט מיין קינד, אַ רואיקער, שלאָפן, און שמייכלענדיק כאָלעמען פון אַ גרויסן, ווייסן פערד.

בלימעלאַך

זע, מיין קינד, האָסט די בלימעלאַך צעטראָטן, זע ווי זיי האָבן די קעפּלאַך אַראָפּגעבויגן, ווי זיי ליגן און וועלקן. מטאָר ניט טרעטן אויף קיין בלו־מען, מיין קינד, מטאָר ניט!

בלימעלאַך, ווי קינדער קליינע, האָבן ליב זון, און, ווי די קינדער, האָבן די בלימעלאַך ליב וואַסער צו טרינקען. און וועסט מיט מיר, מאָרגן, גאַנץ פריה, אין גאָרטן אַרויסגיין, וועל איך דיר אַ וואַסער־קענדל געבן, וועסטו עס מיט וואַסער אָנפילן און די בלימע־לאַך באַשפּריצן. און די בלימעלאַך וועלן דאָס וואַסער טרינקען און, אין דאַנקבאַרקייט, אַרויסאָטעמען זייער דופט, און זייער פאַרב וועט זיך נאָך טויזנטער מאָל צעשפּילן און ליכטיקער, פאַרביקער ווערן.

האָסט דאָך ליב בלומען און זייער זיסן דופט. וועסט דאָך אויפּפאַסן אויף די בלומען, מיין קינד, און זיי היטן.

שמעטערלינגען

האָסטו עס דעם שמעטערלינג געכאַפּט? דאָס האָסטו זיך נאָך דעם שמעטערלינג געיאָגט, און דער־פאַר האָסטו עס די בלומען צעטראָטן. ניט שיין, מיין קינד, ניט שיין!

זע, וואָס דו האָסט פון דעם שמעטערלינג געמאַכט. האָט דיך ניט וויי געטאָן צו זען, ווי ער האָט זיך פון דיינע הענט געריסן, ווי ער האָט אין דיינע הענט געפלאַטערט און זיך צו באַפרייען געזוכט?

ווייסטו, אַז דעם שמעטערלינג האָט וויי געטאָן, ווען דו האָסט אים אין האַנט געהאַלטן, שטאַרק וויי געטאָן, ווען דו האָסט אים די פליגעלאַך געפליקט?

נאָר מיין קינד האָט ניט געוואוסט, אַז אויך אַ שמעטערלינג טוט וויי. טאָ פאַרגעס ניט, געדיינק זשע, זאָלסט מער נאָך קיין שמעטערלינגען ניט לויפן; זאָלסט מער קיין פליגעלאַך ניט פליקן און קיין בלומען ניט צעטרעטן.

שמעטערלינגען און בלומען זיינען פאַר מיין קינד. מיין קינד וועט זיך אין גאָרטן צווישן בלומען און שמעטערלינגען שפּילן, און ווי דער שמעטערלינג, אַ ליכטיקער, וועט מיין קינד פלאַטערן אין פרייד.

פייגעלאַך

וואָס זע איך? וואו האָסטו די פייגעלאַך גע־נומען, די אַ, קליינע, פּיצינקע פייגעלאַך? געווים פון אַ נעסט אַרויסגעגאַנוועט, פון דער מוטער־פויגל אַוועקגערויבט. און די אַ, קליינע, פּיצינקע פייגעלאַך פּיסטשען, פּיסטשען, בעטן זיך צו דער מוטער־פויגל צוריק, צו דער מאַמען.

און דאָס האָסטו, מיין קינד, אויף דעם אַלט־פאַר־צווייגטן בוים אַרויפגעקלעטערט און פון דאָרט די פייגעלאַך אַוועקגערויבט? איז ווייס: דער בוים וועט, פאַר קאַס, שאַטנס שוואַרצע וועבן אין פאַר־נאַכט. וועלן גרויסע, שוואַרצע שאָטנס זיך שפּרייטן, ציען ביז צום הויז און אין הויז אַריין. און מאָנען וועלן די שאָטנס פון מיין קינד, מאָנען, מאָנען: גיב מיר צוריק די פייגעלאַך, גיב צוריק; גיב מיר צוריק די פייגעלאַך, גיב צוריק.

וועט דאָך מיין קינד די אַ, קליינצינקע גלייך צו דער מוטער־פויגל אין נעסט אַוועקטראָגן, ווייל דאָך מיין קינד די שוואַרצע שאָטנס ניט אַריינפירן אין הויז, און דעם בייזן געברום פון די צווייגן וויל־סטו דאָך אין הויז ניט ברייגנען.

און איך האָב געוואוסט, אַז מיין קינד וועט די פייגעלאַך צוריק אין זייער נעסט אַוועקטראָגן.

אָט אַזוי! אַלע, אַלע — געווים! אַלע, אַלע מיטאַמאָל. און פרייען וועט זיך די מוטער־פויגל אין איר נעסט. און איך און מיין זון וועלן זיך פרייען.

אינהאלט

הערט, קינדער

עסטער בולבע 7
מאמקע נאז 7
הינטעלאך אכט 8
א שפיצל 10
יע פייוול און ניט פייוול . . . 11
אין געיעג נאך א מויז . . . 14
האן באראן, דער רויטער האן . 15
אן אומגליק 19
ווינט, דער קייסן 20
אפן פערד 23
מעגסט זיך שעמען 25
קארשן 26
בערל־קום־צוגיין 28
די מאכשייפע 29
קאץ און מויז 30
ווינט, דער שטיפער 32
אפגענארט 33
קלעטערער זיבן 34
אין שרעק פאר א מויז . . . 36
נאך די טויבן 37
הארעלע הא 38

שפילן מיר

קארליקעס 43
א שפאס 44
צען לעפל זופ 46
ווינטער ווייסער 47
אין וואלד 48
אין רינגען 50
שלאף גיך 51
מיישעלע, דער קליינער 52
מענדעלע מענדי 53
זיידע באבע 54
צוויי מאל איינס 56
כאיעלע און שמאיעלע 57
לייבעלע פעמפיק 57
העזעלע נעזעלע 58
פאיאן 59
ווינטער וויכער 61
עפעלאך 62
הינער־הענער־טאנץ 63
א בריוו 64
פאר־פאר־פאר 65
דאס קלאפערל 66
געלער גוילעם 69
פייגעלע סארע 70
יאנקל באנקל 70
ווינטן ווייען 71
מאטאנעס 72
קלאפט דאס פייקל 73
כאמן קאלע 74
פייסי פעפער 76
אין בלינדעניש 77
באם טייכל 78
בינעלע און שפינעלע 79
זיך איבעגעבעטן 80
אפן אייז 82
א פיקניק 83
קאפעלע קאפ . . . . 84.
קיץ קעצל, די נאשערן 85
זיבן ציגן 86

מיטער און קינד

שלאף ליד 89
אפן האנט 90
ניט וויין 91
קינדער זויבערע 92
בלימעלאך 93
שמעטערלינגען 94
פייגעלאך 95

FARLAG "PALME"

3275 Dundas St. Los Angeles, Calif.